גליון כו' שנה א'
פרשת כי תצא
תשפ"ו

# בחור'ן

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: בין א נאך א ברסלב'ער חסיד אויב איך קען נישט קומען קיין אומאן?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך ווייס נישט אויב דער ראש ישיבה וועט מיר בכלל פארשטיין, איך בין זייער צובראכן.

איך לעב אויף די חיזוק פון רבי'ן, און יעצט קומט ראש השנה, און איך קען נישט פארן קיין אומאן. וויל איך וויסן אויב איך וועל נאך אלץ גערעכנט ווי א ברסלב'ער חסיד? קען איך נאכאלץ האבן א שייכות מיטן רבי'ן? אדער נאר אויב איך פאר קיין אומאן קען איך האבן א שייכות מיט ברסלב?

איך בין זייער צומישט, איך האף און איך ווארט אויף א תשובה.

יישר כח

### תשובה

לכבוד ... נרו יאיר,

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

#### וואס איז התקרבות צום רבי'ן?

וויסן זאלסטו אז דער עיקר התקשרות צום רבי'ן איז נאר אז מען לערנט זיינע הייליגע ספרים. דער רבי' זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", ווען מען לערנט דעם ספר פון א צדיק טרעפט מען דארט דעם פנים, די שכל און פארשטאנד פונעם צדיק; נאר אזוי איז מען מקורב צום הייליגן רבי'ן, אז מען לערנט זיינע הייליגע ספרים.

#### ווער הערט דעם קול הצדיק?

דער הייליגער רבי' זאגט (שם, סימן ס) ווי אזוי קען מען וויסן אויב מען הערט דעם קול פון צדיק? אויב מען הייבט אן רעדן צום אייבערשטן; ווי נאר מען איז זוכה צו הערן דעם קול פון הייליגן רבי'ן עפנט זיך אויף דאס מויל, מען הייבט אן רעדן צום אייבערשטן. דאס איז די מתנה וואס דער רבי' האט אונז געגעבן, התבודדות; א מענטש זאל גיין אין א שטילע פלאץ זיך אויסשמועסן זיין הארץ מיט'ן אייבערשטן, אים דערציילן וואס עס גייט אריבער און אים בעטן מיט אלע סארט שיינע ווערטער, רחמנות'דיגע ווערטער ער זאל אים מקרב זיין צו אים.

#### א ברסלב'ער חסיד גייט התבודדות

דאס איז דער שליסל אריינצוקומען צו ווערן אנגערופן א ברסלב'ער חסיד. דאס זאלסטו גוט געדענקען, ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן, ווי מער א מענטש געוואוינט זיך צו צו שמועסן מיט'ן אייבערשטן, אלץ מער איז ער מקורב צום רבי'ן; דאס איז א סימן אז ער הערט די קול פון רבי'ן, דאס איז א סימן אז דער רבי' וועקט אים אויף פון שלאף.

#### א הבטחה פון רבי'ן

אודאי און אודאי דארף מען טון אלעס אין דער וועלט צו קומען

כאטשיג איין מאל אין לעבן צום הייליגן רבינ'ס ציון, ווייל דער רבי האט מבטיח געווען מיט צוויי באגלייבטע עדות אז ווער עס וועט קומען צו זיין ציון אין אומאן, ער וועט געבן א פרוטה לצדקה און זאגן די צען קאפיטלעך תהילים, **"אפילו אם עצמו וגבהו חטאיו ופשעיו"**, אפילו ער האט געטון זייער אסאך עבירות וועט ער אים ארויסציען פון שאול תחתית ומתחתיו; פאר די הבטחה אליינס איז שוין כדאי אויסצוגעבן די גאנצע געלט און צעברעכן אלע מניעות צו קענען זיין איין מאל אין לעבן ביים רבינ'ס ציון און זאגן די תיקון הכללי, קיין שום אנדערע צדיק האט דאס נישט מבטיח געווען.

## הראש השנה שלי עולה על הכל

מכל שכן ווען עס קומט ראש השנה, ווער עס איז זוכה צו קומען צום רבי'ן קיין אומאן אויף ראש השנה איז נישטא קיין גרעסערס פון דעם; ווייל אויף ראש השנה האט דער רבי אונז זייער אנגעווארנט, ער האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): **"הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֶעְדַּר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה"**, מיין גאנצע זאך איז ראש השנה און עס איז מיר א וואונדער פארוואס מיינע מענטשן וואס גלייבן אין מיר, זאלן נישט רעדן צו אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה, **"וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד"**, דער רבי האט געהייסן מען זאל מאכן א כרוז אז אלע זאלן קומען צו זיין ראש השנה, נאך האט דער רבי געזאגט, אז ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה דארף זיין פרייליך א גאנץ יאר.

## דער רבי מאכט אונז פאר צדיקים

אבער דער עיקר התקרבות איז נאר תלוי ווער עס לערנט די הייליגע ספרים פון רבי'ן, דער רבי האט קלאר געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנח): "מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קען מען זיין אן ערליכער איד, און נישט סתם אן ערליכער איד נאר אן ערליכע איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד", און רבי נתן זאגט (שם): **"וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים"**, דעם רבינ'ס ספרים פארמאגן א מורא'דיגן כח צו מעורר זיין א מענטש צו דינען דעם אייבערשטן, אין יעדע שמועס פון רבי'ן ליגן געוואלדיגע עצות און הדרכות פאר'ן לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

## בין כותלי הישיבה

**פארוואס גייט א בחור קוקן שמוץ? ווייל ער איז הונגעריג. ער האט גארנישט וואס זאל אים זאט מאכן.**

**ער האט געטראפן אן עס-די קארד** (SD Card) **און ער גייט קוקן וואס עס איז דא דערויף; ער גייט זיך שפילן מיט א טעלעפאן זיך צו קאנעקטן, אדער גיין אין א קיאסק... און ליידער פאלט מען אריין אין שאול תחתית. פארוואס? ווייל ער איז הונגעריג.**

**וואלט ער געפאלגט דעם רבי'ן און גענומען א משניות און געזאגט א ביסל יעדן טאג, וואלט ער געשפירט גוט מיט זיך אליין.**

**צו הערן די גאנצע שיעור:**
**212-444-9191 דערנאך: 1|2|1|12|2|77**

## קורץ און שארף

> **מיט די עצות פון רבי'ן קען 'יעדער' ווערן א גרויסע צדיק.**

(דער ראש ישיבה שליט"א ליל ששי פרשת עקב תשפ"ו)

קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן| מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191\ 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370